פאר גאר דעם קלענסטן

# לידעלעך

[1925]

HEBREW UNION COLLEGE
EX LIBRIS
Established 5635-1875.
Class ........ Book ........
1907

*

וואָס ווייסטו? — ס׳איז אפשר געווען נאָר אַ קלייניקע רגע צו פרי,
און וואָלסטו מיך איצטער געפרעגט,
אָט איצט, בעת אַ גילדערנער האָר האָט אַ פינקל
געטאָן אַף דיין קני —
איך וואָלט אפשר אַנדערש געענטפערט, ווען דו
וואָלסט מיך איצטער געפרעגט, — — —

ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט — —
ס׳קאָן זיין, איך וועל מאָרגן שוין קומען צו דיר
אין דער פרי,

און ערגיץ, גאָר נאָענט, קאָן פלוצים אַ קלאַפּ טאָן
אַ טיר,
און פלוצים קאָן זיין נאָר אַ קלייניקע רגע צו פרי.

———



PJ
5129
G8,9L5

*

אַז אימעץ גייט אַוועק
בלייבט אימעצער אַ קלייניקער אַליין,
ווי אין אַ מויערוואַנט אַ פלעק
פון פעלנדיקן שטיין.

אַז אימעץ גייט אַוועק —
ציט אימעצער צונויף די טעג
און בויט אין זיי אַ שמאָלן, שמאָלן שטעג
פאַר זיך אַליין.

און אָפטמאָל אויך:
אַז אימעץ גייט אַוועק
מערקט אימעצער מיט שרעק:
ער האָט אַף דעם געלויערט —
און זעט זיך פלוצים פאַר אַ גלאַטער וואַנט אין עק,
וואו ס'איז געווען דאָס בילד פון אימעצן פאַרמויערט.

---



*

איך צעפלעכט פאַר דיר מיינע בלאָנדסטע האָר,
איך קוק צו דיר מיט מיינע בלויסטע אויגן —
און גאָר...

און ווען איך זאָל שטאַרבן?
אַזוי פיל אַנדערע — —
אפילו פאַר דיר, אפילו אָט איצט —
איך קאָן נישט טראָגן אַלעמענס פאַרבן.

פירן מיך ווייסע שטיינדעלעך אַרום אין טוי
און עס געשיט, עס געשיט
מיט מיין גאָלד, מיט מיין בלוי.

---

*

דו בעטסט מיך אַף די קני — און איך זאָג: ניין —
און אונזער קינד וועט שוין נישט זיין געבאָרן —
און די נשמה׳לע׳ וואָס איז פאַר אים געווען׳
איז אפשר פאַר אַ לעמעלע געוואָרן —

און איצטער: האָרך׳ — ס׳איז ווידער פון דאָס ניי־
אָט איז, — — געווען׳ — און ס׳ט ווערן׳ ווערן׳ ווערן׳ — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אפשר איז עס גאָר דער ווינט געווען פון קאַי
און איך וועל דיר אַ וואָלקנדל געבערן׳ —?

---



*

איך ליב א דערוואקסענעם און איך בין א קליינע׳
און לעבן זיינע גרויסע — שטעל איך קליינע שריט׳
טרויעריק׳ גאר טרויעריק׳ איך קלער וועגן וויינען׳
נאר רואיק׳ אזוי רואיק׳ אז איך ווייס עס ניט׳

איך ליב א דערוואקסענעם און איך בין א קליינע׳
און בין אזוי אינגאנצן אין צוויי גרויסע הענט:
דא ביסטו׳ און דא ביסטו׳ און דא—מיר אינאיינעם
אנדערע ווי תמיד׳ און באקענט׳ באקענט׳

---

*

איך האב דיך ליב, און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטליכער פינגער האָט דיך ליב.

טאָ, שטילער, די וויעס, — די שעה זאָל ניט שלאָגן, —
זיי קאָנען אַ בליק אַזוי לייכט צעשלאָגן,
און איך האָב כמעט נישט באַוויזן זאָגן,
אַז איך האָב דיך ליב און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטליכער פינגער האָט דיך אַזוי ליב.

---



*

צוליב גאָר דעם נאָענטסטן ווערט מען ניי־געבאָרן
און פאַר אַלע אַנדערע ווערט מען שטיל.
זעסטו, מיט דיין קומען איז אַזוינס געוואָרן,
בין איך איצט אַ טייבעלע און וואַרט שוין פיל.

מעגליך, אַלע מיידלעך זאָלן איצט געוואָרע ווערן,
זאָלן ווערן לויטער פאַר אַ לויטערער וועלט...
זיי דו מיין איינאייגציקער, איך זאָל דיך געבערן:
אפשר, ווער קאָן וויסן, איז עס דאָס, וואָס פעלט.

---

*

זאָג מיר עפּעס
סתם אַזוי.

זעסט: איך ליג זיך
און איך וויג זיך
סתם אַזוי.

כ'קוק: ווי זייַנען דייַנע אויגן:
ברוין צי גרוי?

איך וועל שווייַגן, זאָג מיר עפּעס
סתם אזוי.

---



*

אַן אָפּגעלאָזענער איז הייַנט דער הימל:
צעוויקט און פּוסט צעווישן שטייפע קיימענס...
און טאָמער וויל אַ קינד זיך אונטן שפּילן מיט אַ בלימל?..
ס'מעג זייַן דאָס קינד נאָך גאָר אַ קלייַנער?...

אַן אומגעלונגענער איז הייַנט דער הימל,
און אומגעלונגענע די גאַסנשטייַנער:
צוויי בלויזע פּיסעלעך צעשפּריצן קויט אין אַלע זייַטן,—
און בלייַבן שטיין — פאַר איין מענטשן, אַ צווייטן...

---

*

אַ מענש מיט אַ גילדערנער באָרד
גייט איבער גאַסן ...
ווער ווייס, צי די זון, צי ער
וואַרפן עס הין און הער
אַזוינע קלאָרע, אַזוינע ליכטיקע פּאַסן, —

דער מענש מיט דער גילדערנער באָרד
ווייס נישט פון קיין וועגן.
גייט ער, וואו די רעלסן גייען,
און די רעלסן גייען.
זייערע וועגן.

---

218569

## אינהאַלט:


1) וואס ווייסטו?..
2) אז אימעץ גייט אוועק..
3) איך צעפלעכט פאר דיר מיינע בלאָנדסטע האר..
4) דו בעטסט מיך אף די קני..
5) איך ליב א דערוואקסענעם..
6) איך האב דיך ליב..
7) צוליב גאר דעם נאענטסטן..
8) זאג מיר עפעס..
9) אן אפגעלאזענער איז היינט דער הימעל..
10) א מענש מיט א גילדענער בארד..

Copyright 1925 by
„Renaissance" G. m. b. H.
Buchdruckerei und Buchverlag
Berlin SW 68